


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### דער מלאך שטעלט אפ בלעם דוקא אינעם וויינגארטן • דאס באדייט פון 'גדר מזה וגדר מזה' • דער שותף פון נח אינעם וויינגארטן • בלעם פארמאגט אין זיך צוויי סארטן כוחות • די מלאך של רחמים פראבירט אפצוהאלטן

***וַיַּעֲמֹד מַלְאַךְ ה' בְּמִשְׁעוֹל הַכְּרָמִים גָּדֵר מִזֶּה וְגָדֵר מִזֶּה* (כב, כד):** דער הייליגער זרע שמשון שטעלט זיך, פארוואס האט זיך דער מלאך געשטעלט דוקא ביים *'משעול הכרמים'* (ווייַנגאָרטן), און נישט ביי א אנדערן ארט? אויך דארף מען פארשטיין וואס איז דער באדייט פון *'גדר מזה וגדר מזה'* (ארומגענומען מיט א צוים פון ביידע זייטן)? און פארוואס דוקא דארט?

**ענטפערט** דער 'זרע שמשון', עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה לו, ג), נאכן מבול איז נח געגאנגען איינפלאנצן א וויינגארטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ט, כ), *'ויחל נח איש שדה ויטע כרם'*. האט ער דארטן אנגעטראפן א 'שידא' (מזיק), און זי זאגט אים - איך בין א שותף מיט דיר אינעם וויינגארטן, און גיב אכטונג נישט אנצורירן די טייל וואס געהערט צו מיר, אויב וועסטו אנרירן מיין טייל וועל איך דיר שעדיגן.

**זעהט** מען פונעם מדרש, א וויינגארטן האט א שותפות מיטן 'שטן' און א טייל דערפון געהערט צו אים.

**מיט** דעם ערקלערט דער הייליגער 'זרע שמשון', דער מלאך האט אפגעשטעלט בלעם דוקא אין א וויינגארטן, צו ווייזן - אזוי ווי דער וויינגארטן פארמאגט א שותפות מיטן שטן און אויב מען באנוצט זיך מיטן חלק פונעם שטן קען ער שעדיגן. דאס זעלבע איז מיט דיר בלעם, וואס דו פארמאגסט אין זיך צוויי סארטן כוחות, א כח פון 'קדושה' (נבואה), און א כח פונעם 'שטן' (וואס טוט שלעכטס פאר כלל ישראל), זאגט דער מלאך צו בלעם - אויב וועסטו זיך באנוצען מיט דיין כח פונעם שטן, וועסטו געשעדיגט ווערן דערפון און וועסט שטארבן.

**דאס** איז מרומז אינעם פסוק (כב, כב), **ויתיצב מלאך ה' בדרך 'לשטן' לו** - די מלאך צייגט אן איבער דעם חלק 'שטן' וואס בלעם פארמאגט אין זיך, און וואָרנט בלעם ער זאל זיך נישט דערוואַגן זיך צו באנוצן דערמיט צו שעדיגן כלל ישראל.

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס דער מלאך האט אפגעשטעלט בלעם דוקא אויף אן ארט וואס איז געווען 'גדר מזה וגדר מזה', צו מרמז זיין איבער די צוויי סארט כוחות וואס ער פארמאגט אין זיך, און ער זאל זיין געווארנט נישט אנצורירן דעם 'חלק השטן'.

**פירט** אויס דער הייליגער 'זרע שמשון' - דאס אלעס איז געווען פאר זיין טובה וועגן, ער זאל צוריקציען פון זיין שלעכטן וועג צו גיין שעלטן כלל ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין רש"י (כב, כב ד"ה לשטן לו), ***'מלאך של רחמים היה, והיה רוצה למנעו מלחטוא שלא יחטא ויאבד'***. (זרע שמשון פרשתינו אות ב')

### פאר בלעם קומט זיך נישט א ברכה • ערקלערונג אין לשון הפסוק 'לך' • די ברכות ווערן איבערגעדרייט נאר פאר כלל ישראל

***וְלֹא אָבָה ה' אֱלֹקֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ ה' אֱלֹקֶיךָ לְּךָ אֶת הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ* (דברים כג, ו):** פארוואס שטייט אין פסוק די לשון ***ויהפוך ה' אלוקיך 'לך' את הקללה לברכה***. לכאורה איז גענוג אויב עס שטייט 'ויהפוך ה' אלוקיך את הקללה לברכה'.

**זאגט** דער זרע שמשון - לכאורה - אפילו בלעם איז געקומען צו פאָרן כדי צו שעלטן כלל ישראל, אבער צום ענדע איז ער געווען געצווינגן ארויס צו זאגן ברכות פון זיין מויל און בענטשן כלל ישראל.

**אויב** אזוי וואלט מען געקענט זאגן - בלעם דארף געבענטשט ווערן פונעם רבוש"ע, אזוי ווי דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית כז, כט), ***'מברכיך ברוך'*** - דער וואס בענטשט כלל ישראל ווערט געבענטשט.

**דערפאר** קומט דער פסוק זאגן - ***ויהפך ה' אלוקיך 'לך'*** - דער אויבערשטער האט איבערגעדרייט די ווערטער פון בלעם הרשע פון קללות צו ברכות נאר פאר 'כלל ישראל', ד. ה. נאר פאר כלל ישראל ווערט דאס פאררעכנט אלץ ברכות. אבער פאר 'בלעם' זעלבסט, ווערט דאס נישט פאררעכנט אז ער האט געבענטשט כלל ישראל, וויבאלד זיין גאנצע קומען איז דאך געווען צו שעלטן, נאר די אויבערשטער האט אים אפגעהאלטן און דאס אויסגעדרייט צו ברכות, דעריבער וועט ער באקומען דערויף זיין עונש. (זרע שמשון פרשתינו אות י"ג)

**'קול זרע שמשון העולמי'**
אויף אידיש דריק 2
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס
יעדען טאג פרישע זאכען שמעו ותחי נפשכם

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לזש"ק | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | חיים דוד בן עטיא<br>וזוג' צביה רחל בת רבקה<br>שיזכו להצלחה וברכה בלא גבול ומדה פרנסה בשפע<br>מתוך הרחבת הדעת וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה | דניאל אורי<br>בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה בלי גבול ומדה<br>בקרוב ממש ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה | אהרן זאב הלוי בן מרים שושנה<br>וזוג' שושנה גילה בת יהודית<br>להיפקד בזש"ק בקרוב<br>מתוך אושר ושמחה | האשה החשובה<br>מרת חנה מרים ב"ר דב<br>פרידמן ע"ה<br>נלב"ע ט' תמוז תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה |

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב שלמה ט. פון רמת בית שמש יצ"ו:**

# דער הייליגער זרע שמשון אין בית דין שטיבל

**מיין** שטענדיגע שאיפה אין לעבן איז געווען צו קענען חתונה מאכן די קינדער מיט תלמידי חכמים, און געבן מיין חלק זיי זאלן קענען בלייבן ביים לערנען רואיגערהייט, און נישט ווערן געשטערט פון די פרנסה יאָך וואס זאל זיי שטערן פון שטייגן און אויסוואקסן בתורה ובעבודה.

**פאר** דעם צוועק האב איך אינוועסטירט אין עטליכע דירות אין א גרויסע פראיעקט וואס האט זיך פאָרמירט אין שטאט בית שמש, מיטן פלאן אז בס"ד אין עטליכע יאר ארום וועלן די דירות געבויעט ווערן, און איך וועל עס קענען איבערגעבן פאר מיינע קינדער צו וואוינען מיט הרחוות הדעת ומנוחת הנפש.

**וויבאלד** אזעלכע סארט פראָיעקטן, ווערן צוערשט געבויעט אויפן פאפיר, און עס נעמט א שיינע פאר יאר פון מען פאנגט אן צו בויען ביז עס ווערט ענדגילטיג גרייט זיך ארייננצוציען אין די פארטיגע דירות, איז מיר בלויז פארבליבן צו טראכטן איבער די דירות פון מיינע קינדער, אז איך וועל זיי בס"ד קענען חתונה מאכן בכבוד אן קיין פראבלעמען.

**פון** הימל האט מען אנדערש געוואלט, נאך א קורצע צייט האט אויסגעבראכן א גרויסע מחלוקת צווישן די שותפים, די בוי פלענער האבן זיך גענצליך אפגעשטעלט. אנשטאט מען זאל בויען דירות, האבן די שותפים געבויעט טענות איינע אויף די אנדערע צווישן די ווענט אין בית דין.

**זייענדיג** איינע פון די אינוועסטירער האב איך זיך אומווילנדיג געטראפן אין בית דין שטיבל, צוזאמען מיט נאך עטליכע אידן, דארפנדיג זיך אַמפערן אויף די געלט וואס אונז האבן אריינגעלייגט מיט יושר און ערליכקייט, און ארויסגיין פון די גאנצע פלאָנטער מיט די מינימום געלט שאדן און עגמת נפש.

**די** גאנצע מעשה, האט געקאסט אסאך צייט און עגמת נפש, מען האט געדארפט ארייגלייגן שעות ארבעט צו איבערגיין די פאפירן, קלאר מאכן די פאַקטן, און נעמען א טייערע טוען רבני וואס זאל אונז פארטרעטן אין בית דין.

**און** אינאיינוועג'ס האב איך געשפירט אז די גאנצע אויסגעהאָרעוועטע געלט וואס איך האב אריינגעלייגט צו קענען חתונה מאכן די קינדער בדרך כבוד, און מיין לעבנ'ס שטרעבונג זיי צו קענען חתונה מיט תלמידי חכמים וואס זאלן קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט, איז צובלאזן געווארן ווי א זייפן בלאז, און אויפן בעסטן פאל וועל איך ארויסקומען בלויז מיטן מאָגערע קרן, אפגעזען פון די דירות וואס איך וועל נישט קענען באקומען.

**איבערהויפט** ווען די צייט האט זיך גערוקט פאראויס, האב איך אנגעהויבן צו פארשטיין אז אונז האבן גאר שוואכע טשאַנסן צו אנהאלטן אונזערע זכותים אינעם פראיעקט, און עס זעט אויס ווי אונז וועלן אלעס פארלירן.

> **מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר**
> **רבנו שמשון חיים נחמני זלה"ה**
> **בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו**
>
> 'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.
>
> * * *
>
> 'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברור המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.
>
> * * *
>
> 'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים כבני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

**אין** איינע פון די טעג, האב איך זיך דערמאנט פון די געוואלדיגע סגולה פון לערנען דער ספר זרע שמשון, ווי דער הייליגער מחבר זי"ע זאגט צו זיין קלארע הבטחה: "בתים מלאים כל טוב", וואס דאס איז פונקט געווען וואס איך האב געדארפט געהאלפן ווערן אין מיין שווערע לאַגע.

**איך** האב זיך מקבל געווען צו לערנען יעדן טאג פאר א לענגערע צייט דער ספר זרע שמשון, און יעדן טאג בין איך געזיצן מיטן ספר פאר העכער א שעה און זיך דערקוויקט מיט די הערליכע תורות און מאמרים פון צדיק זי"ע.

**עטליכע** טעג שפעטער, גלייך נאכן לערנען דער ספר פאר א לענגערע צייט, נאך איידער איך האב עספיעט אויפצושטיין פון מיין ארט, איז מיר פלוצלונג איינגעפאלן א בליציגער איינפאל, א טענה וואס איך האב קיינמאל נישט געטראכט בעפאר, וואס דאס וואלט מיר זייער שטארק געקענט ארויסהעלפן אין די תורה.

**אויפן** ארט האב איך זיך פארבינדן מיטן טוען רבני, וואס האט אונז פארטרעטן אין בית דין, און איך זאג אים איבער מיינע ווערטער, ער איז מורא'דיג נתפעל געווארן דערפון, זאגנדיג ער קען נישט גלייבן ווי אזוי עס איז אים נישט פריער איינגעפאלן אזא זאך.

**ביים** קומענדיגע זיצונג אין דין תורה, האט ער פארגעלייגט די טענה, וואס האט צום ענדע איבערגעדרייט די דין תורה לטובתינו, און אונז האבן זוכה געווען צו באקומען אלעס וואס איז זיך אונז געקומען מיט יושר, אן קיין שום שאדן און הפסד ב"ה. זכותו יגן עלינו, אמן.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120